# דער אַלף־בית

אַלף־בית־גימל,

אויף מײַן קינד אַ זיסער דרימל.

דלת־היי־וואָוו,

אויף מײַן קינד אַ זיסער שלאָף.

זיין־חית־טית,

טאָג און נאַכט איז אַ מעת־לעת.

יוד און כּף,

קומט די נאַכט, קומט דער שלאָף.

למד־מם־נון

קומט דער טאָג – גייט אויף די זון.

סמך־עין־פּיי,

טוט דער האָן אַ קריי.

פֿיי־צדיק־קוף,

צו דער אַרבעט טוט אַ רוף.

ריש־שין־תּאו

שלאָף מײַן קינד, שלאָף.

# דער אַלף־בית ליד

דער לערער האָט געזאָגט צו די תּלמידים: איך וועל אײַך אויסלערנען אַ שיין

אַלף־בית לידל ביז דעם אות יוד.

צי קענט איר צונויפֿצושטעלן אַ לידל פֿון דעם אות כּ ביז תּ?

האָבן די תּלמידים געענטפֿערט: מיר וועלן פּרוּוון!

האָט דער לערער זיי אויסגעלערנט:

אַלף־בית־גימל!

ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל!

דלת־הֵא־וואָוו

מיר זענען זײַנע שאָף.

זיין־חית און טית

גוט צו זײַן – נישט פֿאַרגעס!

און דאָס צענטע אות איז יוד

גאָט־דער פּאַסטעך היט!

איז עס די קינדער זייער געפֿעלן געוואָרן. אויף צו מאָרגנס האָבן זיי צונויפֿגעשטעלט אַזאַ לידל:

כּף־למד־מם

די רייד פֿון לערער פֿאַרנעם!

נון־סמך־עין

אין קלאַס טאָר מען נישט שרײַיען!

פּיי־צדיק־קוף

מיר פֿאָלגן די עלטערן – הערן זייער רוף

ריש־שין־תּאָוו

זיי גוט צו גאָט און האָף.

דעם לערער איז געפֿעלן וואָס די תּלמידים האָבן אויסגעקלערט, האָט ער זיי געהייסן אויפֿשרײַבן אויפֿן טאָוול.

שמואל ראָזענשטיין

טאָג־בוך פֿון אַ לערער אין לאָדזער געטאָ